בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת ויחי תשע"ז — גליון 392 [שנה ט']

**פארוואס קען יוסף נישט רעדן מיט פרעה?**

וַיַּעַבְרוּ יְמֵי בְכִיתוֹ וַיְדַבֵּר יוֹסֵף אֶל־בֵּית פַּרְעֹה לֵאמֹר אִם־נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֵיכֶם דַּבְּרוּ־נָא בְּאָזְנֵי פַרְעֹה לֵאמֹר: (נ ד) פרעגט דער מדרש (בראשית רבה ק ד) פארוואס איז יוסף אליין נישט געגאנגען זאגן פאר פרעה, נאר האט געהייסן בֵּית פַּרְעֹה זאלן זאגן פאר פרעה? און ענטפערט אז יוסף איז געווען א אָבֵל און עס איז נישט כבוד פאר א אָבֵל צו גיין פאר א קעניג. גיסי הגאון ר' מיכאל פרעסבורגער הי"ד ראב"ד דק"ק פאפא איז דאס מסביר וויל עס שטייט (מא יד) וַיִּקְרָא אֶת־יוֹסֵף וַיְרִיצֻהוּ מִן־הַבּוֹר וַיְגַלַּח וַיְחַלֵּף שִׂמְלֹתָיו וַיָּבֹא אֶל־פַּרְעֹה: רש"י זאגט מפני כבוד המלכות. זעט מען אז מער טאר נישט קומען פאר א קעניג מיט אַסַאך הָאר און דא איז אריבער זיבעציג טעג פון ווען יעקב איז נסתלק געווארן און יוסף האט געהאט אסאך האר דעריבער האט ער געשיקט בֵּית פַּרְעֹה זאלן רעדן פאר פרעה. דער ספר פַּעֲנֵחַ רָזָא ענטפערט אז וועגן די בגדי אבילות וואס יוסף איז געגאנגען וואס איז געווען לְבוּשׁ שָׂק, און עס שטייט ביי מרדכי (אסתר ד ב) כִּי אֵין לָבוֹא אֶל־שַׁעַר הַמֶּלֶךְ בִּלְבוּשׁ שָׂק. (בית ישראל השלם למוח"ז האדמו"ר ממאטטערסדארף זצוק"ל)

**וַיַּעַשׂ לְאָבִיו און נישט וַיַּעֲשׂוּ לְאָבִיו**

וַיָּבֹאוּ עַד־גֹּרֶן הָאָטָד אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן וַיִּסְפְּדוּ־שָׁם מִסְפֵּד גָּדוֹל וְכָבֵד מְאֹד וַיַּעַשׂ לְאָבִיו אֵבֶל שִׁבְעַת יָמִים: (נ י) לכאורה דארף מען פארשטיין אז דער דין פון אבילות הויבט זיך אן ערשט נאך די קבורה אויב אזוי פארוואס האט מען געהאלטן אֲבֵילוּת זיבן טעג דא? אויך איז שווער פארוואס שטייט וַיַּעַשׂ לְאָבִיו א לשון יחיד און נישט וַיַּעֲשׂוּ לְאָבִיו א לשון רבים אלע ברידער? נאר עס שטייט (תענית דף ה:) יעקב אבינו לא מת, און מען פרעגט אז די מצריים האבן דאך געזען אז יעקב איז יא געשטארבן נאר מען קען זאגן אז ווייל מצרים איז אֲבִי אֲבוֹת הטומאה און פול מיט כִּישׁוּף האט דער אויבערשטער נישט געוואלט אז די מצריים זאלן מאכן א כִּישׁוּף אויף יעקב און יוסף, דעריבער האט דער אויבערשטער געמאכט ווי יעקב איז געשטארבן אבער די ברידער האבן געוואוסט דעם אמת אז יעקב לא מת, דעריבער האט נאר יוסף געפראוועט אבילות נישט צו שרפן א קנאה פאר די מצריים זיי זאלן מאכן א כִּישׁוּף, דאס מיינט וַיַּעַשׂ לְאָבִיו, נאר יוסף האט געפראוועט אבילות און נאר לְפָנִים וועגן די מצריים, אבער די ברידער האבן נישט געדארפט האלטן אבילות פאר די קבורה, דעריבער שטייט נישט וַיַּעֲשׂוּ לְאָבִיו. (אבני שי"ש הר' שלמה יהודה שווארץ מק"ק שטיינמאנגר))

**וואס מיינט פֶּשַׁע אָחִיךָ און פֶּשַׁע עַבְדֵי אֱלֹקֵי אָבִיךָ?**

כֹּה־תֹאמְרוּ לְיוֹסֵף אָנָּא שָׂא נָא פֶּשַׁע אַחֶיךָ וגו' וְעַתָּה שָׂא נָא לְפֶשַׁע עַבְדֵי אֱלֹקֵי אָבִיךָ וַיֵּבְךְּ יוֹסֵף בְּדַבְּרָם אֵלָיו: (נ י"ז) דארף מען פארשטיין פארוואס אין אנפאנג זאגן זיי פֶּשַׁע "אַחֶיךָ" און נאכדעם זאגן זיי לְפֶשַׁע "עַבְדֵי אֱלֹקֵי אָבִיךָ"? אויך איז שווער ווי אזוי האבן זיי געקענט ארויפלייגן אויף זיך דעם גרויסע מדריגה פון "עַבְדֵי אֱלֹקֵי אָבִיךָ"? נאר די ברידער האבן געוואוסט אז זיי האבן שטארק געזינדיגט מיטן פארקויפן יוסף און האבן געוואוסט אז כדי פטור צו ווערן פון א עונש וועט זיין זייער שווער, און אויך האבן זיי געזען אז עס איז דא די גזירה אויף די עשרה הרוגי מלכות אויף שפעטער וועגן די מכירה. אבער ווייל יוסף הצדיק האט א גרויסן כח אפשר מיט זיין מחילה און תפילה וועט ער משפיע זיין א קלענערע עונש לכה"פ, דעריבער אין אנפאנג האבן די ברידער געבעטן פון יוסף שָׂא נָא פֶּשַׁע "אַחֶיךָ", וואס מיר האבן געזינדיגט און זיי אונז מוחל און נאכדעם האבן זיי געבעטן אויף די עשרה הרוגי מלכות וואס זיי זענען אין א גרויסע מדריגה פון "עַבְדֵי אֱלֹקֵי אָבִיךָ", און געבעטן יוסף זאל מתפלל זיין און מבטל מאכן אדער ווייכער מאכן די גזירה, אבער וַיֵּבְךְּ יוֹסֵף בְּדַבְּרָם אֵלָיו, נאכן מתפלל זיין האט יוסף געוויינט ווייל ער האט געזען אז פאר זיי איז דא א מחילה, אבער די גזירה פון עשרה הרוגי מלכות איז שוין פארפאלן. אזוי ווי מען זעט אין פיוט יו"כ פון "אֵלֶּה אֶזְכְּרָה" קַבְּלוּ עֲלֵיכֶם צַדִּיקִים וִידִידִים. (אמרי יצחק מהגאון ר' שאול הלוי אב"ד קאברין)

**שיינע דרוש אויף חסד של אמת**

שִׂים־נָא יָדְךָ תַּחַת יְרֵכִי וְעָשִׂיתָ עִמָּדִי חֶסֶד וֶאֱמֶת אַל־נָא תִקְבְּרֵנִי בְּמִצְרָיִם: (מז כט) זאגט רש"י חסד שעושים עם המתים הוא חסד של אמת שאינו מצפה לתשלום גמול. ווייל נארמאל ווען מען טוט א חסד האפט מען צוריק באקומען עפעם פאר דעם אבער א חסד פאר א מת ווארט מען נישט אויף צוריק צו באצאלט ווערן. צו פארשטיין פארוואס דוקא דא איז דאס רש"י מסביר חסד של אמת? נאר דער מדרש רבה (פרשה צ"ו ס"ה) זאגט פארוואס האט יעקב געבעטן נאר פאר יוסף אים ארויפברענגען קיין א"י און נישט די אנדערע ברידער? לפי שסיפק בידו לעשות. ווייל יעקב האט פארשטאנען אז נאר יוסף וועט דאס קענען טאן. קען מען מסביר זיין דעם מדרש אז פרעה וואלט געווען מער ניחא צו שיקן איינע פון די ברידער ווייל זיי וואלטן אים נישט אוים געפעלט משא"כ יוסף דארף דאך זיין אין מצרים העלפן פרעה מיט די מלוכה. דעריבער האט יעקב משביע געווען יוסף און פרעה וועט נישט קענען זאגן אז יוסף זאל מתיר זיין די שבועה, ווי די גמ' (סוטה דף לו:) זאגט [אישתעי איהו בלשון הקדש לא הוה קא ידע מאי הוה אמר א"ל אגמרי אגמריה ולא גמר אמר ליה אישתבע לי דלא מגלית אישתבע לו כי א"ל (בראשית נ ה) אבי השביעני לאמור א"ל זיל איתשיל אשבועתך אמר ליה ואיתשלי נמי אדידך ואע"ג דלא ניחא ליה א"ל עלה וקבור את אביך כאשר השביעך.] דאס מיינט פרעה האט נישט געקענט לשון הקודש און יוסף האט קיינעם נישט דערציילט ווייל פרעה האט אים משביע געווען, ממילא אויב פרעה וועט זאגן יוסף זאל מתיר זיין די שבועה צו יעקב וועט יוסף זאגן פרעה זאל מתיר זיין די שבועה צו אים, אבער די אנדערע ברידער אויב יעקב וועט זיי משביע זיין וועט פרעה זיי הייסן מתיר זיין די שבועה און וועלן נישט קענען נעמען יעקב קיין א"י. עס איז אבער שווער ווייל עס שטייט אין (יו"ד סי' רכח ס"ד) אז מען טאר נישט מתיר זיין א שבועה נָאר בְּפָנָיו פון וועמען מען האט געמאכט די שבועה און יעקב האט שוין נישט געלעבט, וואלטן די ברידער אויך נישט געקענט מתיר זיין די שבועה? נאר די ר"ת זאגט דארטן אין מס' סוטה אז דער דין פון אין מתירין אלא בפניו איז נאר אויב מען האט געמאכט א נדר אדער שבועה ווייל מען וויל האבן א טובה וועגן דעם נדר או שבועה, אבער יעקב האט געבעטן חסד ואמת און דאס מיינט רש"י צו זאגן שאין מצפים שום טובה, ממילא וואלט מען געקענט מתיר מאכן די שבועה אפילו שלא בפניו פון יעקב, דעריבער האט יעקב געוואוסט אז צוליב די שבועה פון פרעה צו יוסף וועט פרעה נישט בעטן יוסף זאל מתיר זיין די שבועה צו יעקב און וועט מוזן לאזן יוסף ארויפברענגען יעקב קיין מצרים, משא"כ די אנדערע ברידער וועט פרעה הייסן מתיר זיין די שבועה, און עס וועט נישט זיין א חסרון פון אין מתירין אלא בפניו, ווייל די שבועה איז געווען א חסד של אמת און נישט פאר א טובה, דעריבער זאגט דאס רש"י דא ביי שבועת יוסף. (בנין אריאל אמסטערדאם)

# מדור העובדות
## מֶעד גיסט זיך פון הימל אין זכות פון די מצוה במסירת נפש

מהר"ר זישא מטילמעשעוו ז"ל האט דערציילט אז ער האט געטרונקען מֶעד -א טרונק פון האניג- פון אליהו הנביא זל"ט! ער איז אמאל געווען אין א שטאט און עס איז געווען אין מיטן א שבע ברכות און מען האט גערעש'ט אז עס גיסט זיך א שפע פון מעד ביים שבע ברכות, מענטשן ברענגען אהיים גאנצע פלעשער און די שמחה איז גאר גרויס. ר' זישא איז געקומען צום לעצטן שבע ברכות און זעט די שפע און שמחה אבער פונקט ביי חצות הלילה זאגט דער בעל שמחה עד כאן.

דער עולם בעט נאך מעד, זאגט דער בעל שמחה איר וואונדערט פארוואס איך האב אזוי פיל געטיילט און פארוואס יעצט האב איך אויפגעהערט! וועל איך אייך דערציילן: נאך מיין חתונה האב איך דא געוואוינט און עס איז אמאל געווען א שענק אבער אסאך געלט צו קויפן משקה האב איך נישט געהאט, ממילא האב איך נאר געהאט אביסל מעד און ווייניג פארדינט, איך האב געהאט גוטע הענט און זיך געלערנט שחיטה און מילה אזוי וועל איך קענען מקיים זיין מצוה בו יותר מבשלוחו (קידושין מא.) און טאקע ווען עס איז געבוירן א קינד ביי מיר בין איך געווען מוהל און פון דעם איז באוואוסט מיין נאמען אלץ א מוהל מומחה. אין שטאט זענען געווען גענוג מוהלים און שוחטים וואס דאס איז געווען זייער פרנסה אבער איך האב דאס געטאן אלץ א זייטיגע זאך נישט אויף פארדינסט, איינמאל קומט א דארף'ס איד און בעט זיך אז ער דארף מאכן א ברית ערב יו"כ און קיינער וויל נישט קומען ווייל אלע מוהלים מאכן אסאך געלט פון די כפרות, אבער ער וואוינט 4 שעה פון דא.

האב איך געזאגט גוט איך וועל שלאגן כפרות ביי חצות און ארויסלאזן אין וועג און אנקומען פארטאגס אבער ער זאל אנגרייטן א מנין אז איך זאל גלייך קענען צוריקפארן 9 אזייגער און זיין צוריק אינדערהיים ארום איינס צוויי אזייגער און עסן א סעודה און זיך אנגרייטן פאר יו"ט, דער איד זאגט צו אז אלעם וועט זיין. דערוויל קום איך אן אין דארף און גיי צום הויז פון בעל ברית און די יולדות זאגט איר מאן איז געגאנגען זוכן א מנין. בין איך געגאנגען אין שול זאגן תהלים און דער זייגער רוקט זיך אבער קיינער איז נישטא, און צו זיין א מוהל און א סנדק האב איך נישט געקענט, גיי איך ארויס און איךווארט, דער זייגער איז שוין 8 און עס איז נישטא א זכר פון א מענטש און איך גיי צו צום ארייננגאנג פון דָארף און איך ווארט און איך האב אנגעפאנגן צו וויינען און איך געב א תפילה פארן רבש"ע אז איך בין געקומען אזא ווייטע וועג צו מקיים זיין א מצוה און העלפן א איד און נישט געמיינט מיין כבוד אדער געלט נאר דיין הייליגע כבוד און יעצט אויב איך טרעף נישט א איד זאל זיין א סנדק וועל איך מוזן בלייבן דא אויף יו"כ און וואו וועל איך עסן א סעודה המפסקת און איך בעט דיר דער אויבערשטער שיק מיר א מענטש שוין יעצט!

און ווען איך עפן מיינע אויגן שטייט פונדערווייטנ'ס א ארימאן מיט א פעקל אויף זיין אקסל און איך לויף אים נאך און איך בעט אים בתחנונים ער זאל טאן א מצוה און קומען זיין א סנדק און איך וועל זיין מוהל, שרייט מיר אן דער ארימאן איך האב גענוג מצוות אין די זאק, איך דארף נאך גיין אין די שטעט ווייל עס פעלט מיר אויס צוויי זילבערנער רייניש, און ער וויל גיין ווייטער אבער איך בין געווען א שטארקער און אים אנגעכאפט ער זאל נישט קענען גיין ווייטער און איך זאג אים צו איך וועל אים געבן די צוויי רייניש גלייך נאכן ברית, זאגט מיר דער ארימאן איך גלויב דיר נישט, וועסט מיר אויסלאכן שפעטער! זאג איך אים נעם מיין טלית און תפילין אלץ א משכון, און דער ארימאן נעמט מיין משכון און קומט מיט מיר אין דארף.

מיר גייען צום יולדות אין שטוב און איך וויל דאווענען אבער מיין טלית איז דאך ביים ארימאן האב איך אים געבעטן צו לאזן דאווענען און נאכדעם וועל איך אים דאס צוריקגעבן און ער האט מסכים געווען, און מען מאכט א ברית און דער ארימאן איז סנדק נאכן דאווענען און ברית גיב איך אים צוריק מיין טלית און תפילין פארן ארימאן און מיין כוונה איז געווען איך וועל גיין אין שטאט און טרעפן א באקאנטע זאל מיר געבן, אדער בארגן, די צוויי רייניש און די שמחה מיינע איז געווען גרויס און איך דאנק דער רבש"ע פארן ענטפערן מיין תפילה.

אבער ווען איך גיב א קוק ארום זע איך נישט קיין זכר פון א ארימאן און אויך נישט מיין טלית און תפילין! עס ווערט מיר פינסטער פאר די אויגן, אבער וואס זאל איך יעצט טאן? די גאנצע ענין איז געווען ביי מיר א וואונדערליכע זאך, האב איך זיך געשטארקט און פארשטאנען א אלעס איז א טובה און נאר גוטס וועט ארויסקומען פון דעם. איך פאר אהיים און ווען איך קום אן צוויי שעה פאר יו"כ, איז מיין ווייב מיר מקבל פנים מיט א שאלה פארוואס איך האב איבער געלאזט מיין טלית און תפילין אין שטוב ווען איך נעם דאס אלעמאל מיט? האב איך געענטפערט איך פארשטיי נישט איך האב דאס מיטגענומען מיט מיר און איך געדאווענט מיט זיי!

מיין ווייב זעט אז בין צומישט און זי דערציילט וואס איז דא געשען און אזוי האב איך יעצט שוין אלץ פארשטאנען! היינט ארום מיטאג צייט קלאפט אין טיר א ארימאן וואס האט אויסגעזען אזוי און אזוי און בעט מיר אזוי ווי ער האט שוין נישט געגעסן און געטרונקען צוויי טעג און בעט מיר איך זאל אים געבן מעד צו טרינקען פון שענק. זאג איך אים עס איז נישטא קיין מעד ווייל מיר האבן נישט געהאט געלט צו קויפן מעד פאר אונזערע פעסער, בעט ער מיר איך זאל גיין אין שענק און זוכן אין די פעסער אפשר וועל איך טרעפן עפעס מעד און אים מחיה זיין ווייל ער האט שוין נישט קיין כח צו גיין נאך א טריט פון דארשט, און איך בין געגאנגען אין שענק און צום וואונדער געעפענט דעם ערשטן פאס און מעד רינט ארויס אין מיין פלאש! מיט שמחה בין איך געלאפן און געגעבן דער ארימאן און ער האט דאס אלעס אויס געטרונקען און בעט מיר נאך א פלאש!

אז איינס האט געלונגען וועט שוין זיין צוויי! און אזוי האב איך אנגעפילט פיר פלעשער פארן ארימאן און האט איר געזאגט ווייל דו האסט מיר מְחַיֶה געווען, גיב איך אייך א ברכה אז אייערע פעסער אין שענק זאל פליסן מעד פון הימל ביז די לעצטע שבע ברכות פון אייער קלענסטער קינד! און ער איז פארשוואונדען. איך האב שוין פארשטאנען אז דער איז געווען אליהו הנביא. און דערציילט מיין ווייב וועגן סנדק און די טלית און תפילין, פונקט איז ארייננגעקומען א איד און געבעטן מעד און אזוי האבן מיר געהאט אויף די סעודה און פון דעמאלטס אן האט געפליסט מעד פון די פעסער פון הימל און מיר זענען געווארן זייער רייך. און יעצט וואס איז די ענדע פון די שבע ברכות פון מיין יונגסטן קינד דארף איך אויפהערן צו געבן. אלעם אין זכות פון מצוה מיט מסירת נפש.

(שיחות יקרים- נדפס סאטמאר - מר' אליעזר זאב שטערן ז"ל)


הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

*שו"ע הרב חסר כרך א' נדפס ע"י בן החידושי הרי"ם נדיר מאד $1500 , אוסף של ספרים שנדפסו בשנגהי $4000, סעט זוהר סלאוויטא מצב טוב $7000, תשובה בכת"י פון ערבי נחל, סעט היכל הברכה דפוס ראשון עם אלפי הגהות על רש"י ומפרשים ע"י ר' יצחק יוסף חזן מלאסק $13000 , תיקוני זוהר עם הגהות בעל בני שלישים $20000 , א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עם וועט העלפן $22000, כת"י ר' חיים וויטאל- זיין בר מצוה דרשה, א חיבור פון בעל נתיבות זיין ספר נחלת יעקב מיט הוספות, ספר כרתי ופלתי מיט חתימת הרה"ק ר' מאיר מפרימישלאן. א אוסף פון ערשטער דרוק ספרים פון רבינו יואל מסאטמאר, א בריוו פון הייליגן חכם צבי, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל, ספר יעיר אזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון*
הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ.** א בריוו פון דעם קרבן נתנאל $32000, ספר אוצר הרבנים 1000 יאר פון רבנים, ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר, בריוו פון הרה"צ ר' ישראל אדעסע מנהיג ברעסלאוו, אדמו"ר מקאפישטניץ ר' אברהם יהושע העשיל. מגן אברהם טריסק דפוס ראשון עם הברכה מצב מפואר $3500, מגן דוד דפוס ראשון זיטאמיר מצב נהדר $3200, ברכת דוד טאלנא דפוס זיטאמיר, מענה לשון דפוס זיטאמיר, כת"י פון באבא סאלי. שיינע לאנגע בריוו פון שדה חמד $3000, אוסף פון ערשטע דרוק ספרי המנחת אלעזר $3500, ספר עם חתימת הרה"ק ר' צבי הירש ברוידע לא נדפס $3000, לחם שמים מהיעבץ דפו"ר עם הגהות מהר"ם יפה, ועוד ועוד, א אוסף פון מילר חלפים פאר עופות און דקות און שטיינער, צו פארקויפן 10 מטבעות לזכרו פון חת"ם סופר פאר $4000 1 מטבע $500

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת